# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**7:49**
מוצאי שב"ק....................**9:21**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................ירמי' ל"ו-ל"ז
בבלי.......................שבועות ט"ז
ירושלמי.....................יבמות מ"ה
תוספתא.......................סוטה ד'
רמב"ם..............גזילה ואבידה ט'

פרשת אמור, י"ט אייר, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ד' — שנה 14, גליון 33 (701)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם. זָאגְט רַשִׁ"י: אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רסא): **"כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נָפַל שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר פַאלְט צוּרִיק צוּ זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע מַעֲשִׂים זָאל עֶר ווִיסְן אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, כְּדֵי עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם"**, דִי עֵצָה פַאר אִים אִיז עֶר זָאל מַאכְן אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה, עֶר זָאל פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט פַארְדֶעם, נָאר דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **"וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ"**, וַוייל דָאס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַלֶץ בַּאנֵייעֶן, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר זָאל אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַּאלְן, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): **"כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם"**, אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען שְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, מֶען הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט: **"וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת"**, דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס עֶס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען. דָאס אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, צוּ זֶען ווִי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים אַלֶע שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'"**; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן. וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה; זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַיינְט גֵיי אִיךְ אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן דִיר צוּ דִינֶען, הַיינְט גֵיי אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אוּן גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דַיינֶע קַבָּלוֹת הַאלְטְן נִישְׁט אָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): **"וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'"**, אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה, וֶוען זֵיי זֶען ווִי זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן פְּלוּצְלִינְג פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ יְרִידָה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי, **"וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ"**, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ', מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חִיוּת אִין עֲבוֹדַת ה'. דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִילְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חִיוּת. אוּן דֶעמָאלְט עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, **אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים**. מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע. דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ עֶר הָאט חִיוּת; זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶועָרֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשע"ח, זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ"ב.) אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי פְרַייטָאגְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְרַייטָאגְס בְּשָׁלוֹם אָן קַיין קְרִיגֶערֵיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם הוֹיז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן

<<<<<<

## א גוט ווארט

זַיי מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. פְרֶעג דַיינֶע קִינְדֶער יֶעדְן טָאג וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין כִּיתָּה, אוּן וֶוען זֵיי דֶערְצֵיילְן דִיר אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זָאלְסְטוּ זָאגְן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג זֵיי זָאלְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג. אִיךְ זָאג מַיינֶע קִינְדֶער: "אֵיין זַאךְ וֶועל אִיךְ מוּזְן שְׁטְרָאפְן, אוֹיבּ אִיךְ הֶער פוּן חֵדֶר אָדֶער סְקוּל אַז עֶנְק זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג", אוּן אוֹיךְ אִין שׁוּל אוּן צְוִוישְׁן מִשְׁפָּחָה זָאלְסְטוּ פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן זֵיי נָאכְקוּקְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג.

מִיר זֶעעֶן אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע אוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיךְ בַּיי דִי בָּחוּרִים זֶעעֶן מִיר דָאס; וַוייל קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן לֶערְנֶען זֵיי דֶרֶךְ אֶרֶץ - דִי זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אִין חֵדֶר, אִין סְקוּל, אִין יְשִׁיבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ב' אִיָיר, י"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף מִשְׁנַיוֹת דִי זֶעקְסְטֶע מָאל; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג, אַז דוּ נִיצְט אוֹיס דִי צַייט אוּן אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִיבּוּר בְּדֵעָה.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דִי וֶוערְטֶער (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק אַ', סִימָן עד) פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְתִיאוּבְתֵּיה לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְלָא יָדַע", אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט) 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן. הַיינְט אִיז דָא הֶערְלִיכֶע גְמָרוֹת מִיט שֵׁיינֶע אוֹתִיוֹת, מְנוּקָד, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - פַארְשְׁטֵייט מֶען, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נָאכְאַלְץ נִישְׁט - וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ ז"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ, טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּישׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעווָאוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחְנִיוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין בַּאבְּלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַארְ'ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער סְ'אִיז פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה'דִיגֶע וָואךְ סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואוּ עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶע'שָׁחְטְ'ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין תִּקוּנֵי זֹהַר, דַף קכ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"ה, ג') "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס", זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. וָואס טוּט אָבֶער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ בַּא'טַעַמְ'קֵייט אִין זַיין שְׁטוּבּ, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְּן זַיין הוֹיז אוּן עֶס מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אוֹיבּ פִירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ וִוילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי וִוילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, אוּן מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיוּת אוּן לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פְּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פְּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי וִוי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער,

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַּאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַּאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס גוּט שַׁבָּת)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי בֵּיי דִי סְעוּדָה, נָאךְ יֶעדֶע מַאֲכָל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אִידְרָא, אוּן וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אַ מַאֲכָל הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל אוּן גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען זָאגְן אִידְרָא; אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט בֵּיי יֶעדֶע מַאֲכָל.**

עֶס הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען הָאט שׁוֹין סֶערְווִירְט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט אַז קוּמְט שׁוֹין נִישְׁט אַרַיין נָאךְ עֶסְן, אָבֶּער מֶען הָאט ווִידֶער אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ פְרִישֶׁע זַאךְ, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ מַאֲכָלִים, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען אִיז שׁוֹין פַארְטִיג, אִיז אַלְץ אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ יֶעדֶעס מָאל ווִידֶער אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זָאגְן דִי אִידְרָא, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל, אוּן הָאט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אִידְרָא.

נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "זֵיי קְרִיגְן זִיךְ מִיט מִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה מִיט לֶערְנֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה מִיט עֶסְן", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט, "דִי פְּשׁוּטֶע עֲבוֹדָה אִיז אַז מֶען עֶסְט צוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, עֶס זֶענֶען דָא אָבֶּער מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וָואס זֵיי לֶערְנֶען צוּ הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע דַעַת צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף עֶסְן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט טוּן פָּשׁוּט, צוּ עֶסְן כְּדֵי צוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה מִיטְ'ן לֶערְנֶען, זֵיי הַאלְטְן מִיר אָבֶּער אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה מִיטְ'ן עֶסְן נָאכְ'ן לֶערְנֶען, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכֶערֶע עֲבוֹדָה אַז מֶען לֶערְנְט צוּ הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע מֹחַ אוּן שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ עֶסְן".

**תרצ**

**מִיטְל נַאכְט שָׁבוּעוֹת,** וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיין שְׁטְרַיימְל, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְהוֹיבְּן אַבִּיסְל וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעסְן בַּיים טִישׁ ווִי גֶעוֶוועְנְלִיךְ.

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה אוּן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזִינְגֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין דִי נִיגוּנִים "אַתָּה נִגְלֵיתָ" אוּן "בָּרוּךְ שְׁמֶךְ" אוּן נָאךְ, מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע נִיגוּן, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן מִיט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבְּן נָאכְ'ן בֶּענְטְשְׁן, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט רֶבִּי נָתָן, בִּיזְ'ן עֲלוֹת.

עֶס אִיז מְקוּבָּל בֵּיי אוּנְז אַז מֶען הָאט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיפְזַיין אוּם שָׁבוּעוֹת פַאר בֵּיידֶע טֶעג אוּן בֵּיידֶע נֶעכְט.

אִין יֶענֶעם מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן דִיבּוּרִים אִין עֲבוֹדַת ה', ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, רֵייד וָואס הָאבְּן גֶעצוֹיגְן דָאס הַארְץ פוּן אַ אִיד צוּם טַאטְן אִין הִימְל.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# ווִי אַזוֹי פָּארְט מֶען אַוֶועק אָן דִי וַוייבּ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת גֵייעֶן אַלֶע אוּנְזֶערֶע אַרְבֵּייטֶערְס אַרוֹיס אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אַ שַׁבָּת הִתְוַועֲדוּת, אַזוֹי ווִי יָאר יֶערְלִיךְ. הַיינְט הָאט מַיין מֶענֶעזְשֶׁער מִיר גֶעפְרֶעגְט אֶפְשָׁר דָאךְ ווִיל אִיךְ מִיטְקוּמֶען, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיךְ כַאפּ זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצוּ, פַארְוָואס עֶר צִיעֶט מִיר נִישְׁט מִיטְצוּקוּמֶען. אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים זָאגְן אַז עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ? עֶר וֶועט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ רֶעד. זָאל אִיךְ אִים זָאגְן אַז עֶס מִיר ווִיכְטִיג צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין? עֶר וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל גֶעדוּלְד זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן. זָאל אִיךְ אִים זָאגְן אַז מַיין וַואקַאצְיֶע אִיז מִיט מַיין וַוייבּ, וֶועט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ בִּכְלַל אָפְּרוּעֶן מִיט אַ וַוייבּ אוֹיפְ'ן קָאפּ, דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְ'ן אַוֶועקְפָארְן אִיז דָאךְ נָאר זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּצוּרוּעֶן פוּן דִי וַוייבּ, ה' יְרַחֵם.

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְ'ן מִיךְ גֶעבְּן אַ קְלָארֶע וֶועג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פוּן מִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מִיר וַוייזְן אַ וֶועג אַז עֶס זָאל מִיר זַיין גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן בִּכְלַל פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַוֶועקְפָארְן אִין דִי הֵייסֶע זוּמֶער טֶעג אָן אַ שְׁמִירָה, אוּן אַ שְׁ'כֹּחַ אַז הַיינְט צוּ טָאגְס קֶען אִיךְ שׁוֹין זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען בִּכְלַל הַנָאָה הָאבְּן פוּן אַוֶועקְפָארְן אָן דִי וַוייבּ, מִיט וֶועמֶען זָאל אִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען? מִיט אַ חַבֵר וָואס רֶעדְט אוּן לַאכְט פוּן מִיר הוּנְטֶער מַיין רוּקְן? אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן, "אוֹיבּ אַ חָבֵר, אִיז עֶס נָאר דִי וַוייבּ". שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְלַאץ אוּן שְׁ'כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶעס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָיר, כ"ה לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גוֹרָלֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת אוּן מַאכְט אוּנְז לִיכְטִיג אַז עֶס זָאל אוּנְז זַיין גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל אוּנְז זַיין זִיס אוּן אַיינְגֶענֶעם דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן, עֶס אִיז אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן; מֶען זוּכְט סִיבּוֹת אוּן תֵּירוּצִים צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. בִּפְרַט לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישׁ, בַּעֲלֵי בָּתִּים נֶעמֶען צַאם אַרְבֶּעטֶערְס אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, מֶען מַאכְט אַ שַׁבָּת אִינְאֵיינֶעם אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, אַוֶועק פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן הַיינְט גֵייט אַזוֹי, וָואס אֵיינֶער מַאכְט - מֵיינֶען אַלֶע מֶען דַארְף נָאךְ מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז אַזוֹי אִיז מֶען אַ גוּטֶער בַּעַל הַבַּיִת, אַ גוּטֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע זֶעט זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן עֶרֶב שַׁבָּת; זֵיי נֶעמֶען אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי אַרָאפְּלֵייגְן שְׁלָאפְן זֵיי זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט פַאר דִי סְעוּדָה. שַׁבָּת גֵייט מֶען נִישְׁט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, שַׁבָּת נֶעמְט דֶער טַאטֶע דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל, אוֹיפְן וֶועג שְׁמוּעֶסְט עֶר מִיט זֵיי, עֶר הֶערְט זֵיי אוֹיס וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי וָואךְ מִיט זֵיי אִין חֶדֶר אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, אוּן בַּיים דַאוֶונֶען הַאלְט דֶער טַאטֶע דִי קִינְדֶער נֶעבְּן זִיךְ, עֶר דַאוֶונְט מִיט זֵיי, עֶר שְׁמֵייכְלְט צוּ זֵיי, עֶר לֶערְנְט זֵיי ווִי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. שַׁבָּת זִיצְט דֶער טַאטֶע מִיט דִי מִשְׁפָּחָה בֵּיי דִי סְעוּדוֹת, מֶען פְרֵייט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם אַז מִיר זֶענֶען דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פָאלְק, דִי עַם הַנִבְחָר, קִינְדֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת אוּן מֶען לֶערְנְט דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת.

<<<<<<

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מַאן און וַוייבּ לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם און לִיבְּשַׁאפְט, עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּקּוּן כא, נז.), עֶרֶב שַׁבָּת זָאלְן זִיךְ מַאן און וַוייבּ אִיבֶּערְבֶּעטְן, און אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט בִּיז יֶעצְט, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת בֶּעטְן זִיךְ מַאן און וַוייבּ אִיבֶּער, וַוייל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְף אַלֶעס זַיין דָאפְּלְט; אַ גַאנְצֶע וָואךְ צִינְדְט מֶען אָן אֵיין לֶעכְט, שַׁבָּת צְוֵויי, אַ גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען מֶען עֶסְט מַאכְט מֶען הַמּוֹצִיא אוֹיף אֵיין בְּרוֹיט, שַׁבָּת אוֹיף צְוֵויי, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער זוֹהַר: "וְאִם אִית לוֹן שְׁלָמָא בְּכָל שִׁית יוֹמִין דְּחוֹלָא", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶעוֶוען בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ - יַעַבְדוּן תּוֹסֶפֶת בְּשַׁבַּתָּא בְּפִיּוּסָא דָא לְדָא בִּרְחִימוּ סַגִּי", דַארְף שַׁבָּת זַיין מֶער בְּשָׁלוֹם, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ שַׁבָּת, עֶר גֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ שַׁבָּת, עֶר הָאט הֲנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ה)



אִינְמִיטְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁמוּעֶסְן הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן צוּ דִי מֶרְחַקִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין אַ גְרוֹיסֶע גוֹי'אִישֶׁע שְׁטָאט, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְטְן פַאר זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, וַוייל עֶר הָאט כְּסֵדֶר גֶעמֵיינְט אַז יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ מַצְלִיחַ זַיין, און אַזוֹי הָאט אַלְץ פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט דָארְט, און עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין, אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אִים פְּלוּצְלִינְג נָאכְאַמָאל גֶעדַאכְט אַז יֶעצְט גֵייט עֶס אִים יָא גֶעלוּנְגֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי גֵייט עֶס אַלֶעמָאל בֵּיי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן צוּ דִי סָארְט פְּלֶעצֶער, אַז עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי יֶעדֶעס מָאל פוּן פְרִישׁ אַז דָאס מָאל וֶועט עֶס גֶעלוּנְגֶען, און אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדְרֵייט דוּרְךְ זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, עֶר מֵיינְט כְּסֵדֶר אַז יֶעצְט זֶעט אוֹיס וִוי עֶר גֵייט שׁוֹין טַאקֶע מַאכְן, און עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל אַנְטוֹישְׁט, און נָאכְדֶעם דִמְיוֹנ'ט עֶר וִוידֶערְאַמָאל אַז יֶעצְט גֵייט עֶר יָא פּוֹעֶלְ'ן, און אַזוֹי הַאלְט עֶס אִים אוֹיף פַאר זֵייעֶר לַאנְגֶע צַייטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן לֵצִים פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ צוּמָאל פַארְשְׁטֶעלְן און פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַסַאךְ מָאל, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דִי אַלֶע זַאכְן.

אֵיין נַאכְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַזַא סָארְט לֵץ, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶערוּפְן אִינְדְרוֹיסְן און עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, און דֶער לֵץ הָאט אִים גֶעוִויזְן אַז עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶעם פֶערְד צוּ פַארְקוֹיפְן, און דֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶס בַּאטְרַאכְט און גֶעזֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פֶערְד, און הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִויפִיל גֶעלְט עֶר ווִיל פַאר דֶעם, הָאט דֶער לֵץ גֶעזָאגְט אַז עֶר בֶּעט פַאר דֶעם פִּיר רֶענְדְלֶעךְ, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזֶען אַז דֶער פֶערְד אִיז זִיכֶער וֶוערְד כָאטְשׁ פִינְף רֶענְדְלֶעךְ, עֶס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעלוּנְגֶענֶע פֶערְד, הָאט עֶר עֶס טַאקֶע אָפְּגֶעקוֹיפְט פַאר פִיר רֶענְדְלֶעךְ, און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדְט מִיט דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין ארץ ישראל

די וואך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין ארץ ישראל, עס איז געפראוועט געווארן אום מאנטאג א שיינע מסיבת פסח שני אין ירושלים עיה"ק, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען אנשי שלומינו פון איבער גאנץ ארץ ישראל, און געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א. און דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א ארומגעפארן צו אלע מוסדות און קהלות היכל הקודש איבער'ן גאנצן לאנד, צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

אויף ל"ג בעומר און אויף שבת קודש איז דער ראש ישיבה שליט"א אין מירון ביים ציון הק' פון רבי שמעון בר יוחאי, אינאיינעם מיט זיין פאטער הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א. קומענדיגע וואך וועלן מיר אי"ה קענען מעלדן מער דעטאלן איבער די דערהויבענע און רייכע נסיעה.

אין א בריוו פאר אנשי שלומינו האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן אז היות יעדער בעט אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל בעטן פאר זיי ביי די מקומות הקדושים וואו ער גייט, דעריבער וויל ער אויך עפעס בעטן פון אנשי שלומינו, פאלגנד איז אן אויסצוג פונעם בריוו:

"איך בין געפארן קיין ארץ ישראל, איך גיי ארום צו מקומות הקדושים, איך בעט פאר דיר און פאר דיין משפחה.

אלע בעטן מיר איך זאל בעטן פאר זיי, אבער איך וויל דיר אויך עפעס בעטן, איך בעט דיר נעם די עצה פון הייליגן רבי'ן, דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אפילו אותן האנשים הרחוקים מן הקדשה מאד, שנלכדו במצודה רעה, עד שרגילין בעברות חס ושלום רחמנא לצלן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפגעפאלן אין שאול תחתית, "אף על פי כן, הכח של התורה גדול כל כך, עד שיכולה להוציא אותם מן העברות שרגילין בהם חס ושלום. ואם יעשו להם חק קבוע וחיוב חזק ללמד בכל יום ויום כך וכך, יהיה איך שיהיה, בודאי יזכו לצאת ממצודתם הרעה על ידי התורה, כי כח התורה גדול מאד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג 'כך וכך', וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

אפשר דאך זאלסטו זיך אנהויבן העלפן? אפשר ווילסטו עפעס טון פאר דיר פאר דיין נשמה? נעם א משניות, לערן איין פרק נאכן צווייטן, אין אנהויב וועסטו נישט פארשטיין וואס דו לערנסט, ווייל פון אזויפיל מאל זינדיגן אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - האסטו פארלוירן דיין מח, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (עיין פרשת משפטים, קי): "סלוקא דיסודא עד אבא ואמא", אז מען איז פוגם בברית - מען איז פוגם ביסוד, גייט דער פגם ביזן מח; מען פארלירט דעם כח פון זיך קענען קאנצעטרירן וכו', אבער אז מען לערנט אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן (המבואר בשיחות הר"ן, סימן עו), אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען ווייטער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, דורכדעם איז מען זוכה אז מען ווערט אן ערליכער איד, מען הויבט אן לעבן א געזונטע לעבן, א לעבן מיטן אייבערשטן, מען לאזט אפ די מטומטמ'דיגע עבירה, מען הערט אויף צו טון עבירות און מען רייסט זיך ארויס פון די קליפות.

איך בעט פאר דיר און פאר דיין משפחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים."


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק אייזיק ראטה** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **רפאל פורסט** הי"ו קרית ברסלב
אדמיניסטראטאר פון אונזערע הייליגע מוסדות
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## אטעם אריין - אטעם ארויס

די עצה און מעטאד "אטעם אריין און אטעם ארויס", ווי אזוי ארבעט דאס? און ווי אזוי נעמט מען ארויס דערפון די מערסטע בענעפיטן?
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 2, 2, 10, 29**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעים; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**